# פּינילע מזיק
## גיט לשון



צ׳געדענקץ, יאַטן, וואָס כאָב ענק פּויטן; אכטוגן פראַטיג פּאַציילט? צ׳געדענקץ, אַז איעך אין גיגאַנגע אָף אולאָפּ, יעץ על איעך ענק פּאַציילן ווי איעך בין, צ׳ווייסץ ווי איעה בין? באַן יאם בין איעך!

צ׳מיינץ, באַן לאָדזוער ים, באַ דעיר לודקע? באַן יאם לעיבן דיגיניע, אין קאַוויע, כבין גיגאַנגע פּיעכאָטע ב׳יז כ׳בין גיקימע קא קאַוויע.

כאַב דו גיטראַפּן א סאַך יאַטן פּין שמולן געסל, ווי זענע דא אין דעיר קלאַניע פּון זשעטעקאַק, אינדזוערס אַ יאַט, דעיר גרעיזוער, איז דאָ אַ גאַנצער קראַווניק. עיער גייט אין קאָרצע הויזן מיט א שפּאַלט אין פּירט די לאָדזשער יאַטן אָפּן יאַם

ווי זיי אָנע מיעך דערקנאַסט, אָבן זיי מיט מיער גיגאַט אַ גידילע:

— פּיניעלע! פּיניעלע מאַזיק — אָבן זיי גישריגן. מ׳דאַרף דיך דו מיטן לעיבן. קים אין דעיר קלאַניע, געב אַ קיק אָפּן קראַוונעק, אָפּן גרעיזוער מיט די קאָרצע הויזן, עסט די פּלאַצן פּין גילאַכטער.

אָב איעך גיזוגט לוי מיט א ספּודניצע — איעך גיי ניש, איעך בין גיקימע אָף אולאָפּ אין באַסטא!

אָבן זיי גיזוגט:

— פּיניעלע, קים עלן מיער דיער געיבן אַנ׳אַנדערן [illegible] נציק איבערציטיען, עסט אסזעיען ווי אַ גאַנצער טיליגענט.

אָב איעך צי זיי גיזוגט:

— גייץ אין ווערץ רועד אין צעשיט! אָט אַזוי גיי איעך. אין דעיעם אנציק גיי איעך. מאַן באַליטער הוילעך על איעך, ניש אַנדערש מאַבן! אָט אין מאַנע דזשוראַווע הייזליך, אין מאַן ליפּטיק מי־נאַרקעלע און אין דעים שובראַנע היטעלע על איעך ענק אָף ציזעצעניש גיין און טאַקיש דו באַ ענק אין קאַוויע, אימעטים בין איעך אַ באַליטער יאַט, דעיר ג׳שוואַוירענער בערגער פּין שמולן געסל. אַז ס׳גע־שפּעלט [illegible] ניש, קענט עץ ענק פּעשטעלן די שליפּיעס — צפּאַשטייט?

אָב איעך זיי גיט אַראַגיזוגט? דאַוואַל זאַצץ בעגריסט, אַ וואַרימע גרינסקע פּאַר אלא יאַטן אין יאַטיכעס פּון גאַנץ באַליט [illegible] פּין שמולן געסל.

ענקער פּיניעלע

---

גראַף קאַלי.

# נישט אין לאַנד פון האָטענטאָטען

נישט אין לאַנד פון האָטענטאָטען,
נישט אין לאַנד פון מענשען-פרעסער,
נאָר אין לאַנד פון דיכטער, דענקער
ווידער הערשט די פויסט און מעסער,

און קיין פּיפּס נישט... אויף די מיילער
האָט מען אָנגעהאַנגען שלעסער....
דער ערלייזער — וואָס זיין נאָמען
נישט כדאַי איז צו דערמאָהנען...

אויפגעהעצט האָט זיינע „העלדען“
צו עקסצעסען און פּאָגראָמען.
אין דעם לאַנד פון שאָפּענהויער
און פון בעטהאָווען און קאַנט

הענגט אויף יודען איצט אַ טרויער,
הערשט אַצינד די שוואַרצע האַנט.
יודען קרעכצען, יודען זיפצען,
ס׳איז מיט זיי דאָך גאָרנישט גוט
וועט משיח איצט נישט קומען
זענען יודען דאָרט קאַפּוט....

* * *

קום שוין משיח אַראָפּ אויף דער ערד
קען זיין אויף אַ קליינענקען ווייסענקען פערד
קען זיין אויף אַנ׳אויטאָ, קען זיין אויף „עקספּרעס“
נאָר קום שוין וואָס שנעלער.... בעוויַיז אונז דיין נס....
קום שוין משיח, ס׳איז צייט שוין געווים
עס איז כלה פּרוטה אַצינד מן הכיס....
עס איז כולו חייב... סיי גרוסע, סיי קליינע
אפילו „זשענעווע“ זאָגט איצט: „ישקינו“....

---

# מכּה פּענסיאָנאַטען

די קאַלומנער פּענסיאָנ[illegible]ן האָבען זיך ספּעצ־יאַליזירט אויף פאָלגענדען אופן:

אין שאַר׳ס פּענסיאָנאַט ווערען מאָגערע מענ־שען — דיק און פעט און אין אַנדערע פּענסיאָנאַטען פערקעהרט: דיקע ווייבער בעקומען די „ליניע“.

• • •

אַ ווישניאָווא־גורער פּענסיאָנאַט־אייגענטימער האָט דערצעהלט, אַז זיינע געסט האקען אַזויפיל אַריין אין זיך, אַז אָפּטמאָל מוז ער אַרויסרופען די סטראַזש־אָגניאָווע, אויסצופּלומפּן ביי זיינע געסט די מעגען.

* * *

מ׳האָט געפרעגט א פּאָדעמביער פּענסיאָנאַטניק

— פאַרוואָס זעהט איהר עפּעס אַזוי שלעכט אויס?

—צוליב׳ן עסען — האָט ער געענטפערט.

— דהיינו?

— איך האָב מיר געמאַכט א פּענסיאַנאַט, עסען מיך די געסט בדלות — האָט דער פּענסיאָנאַטיק געענטפערט.

קאַפּריזנער.

---

# בּידע שרעקען זיך
## נאָך חצות אין „העלענאָוו“

ער: פאַננע סטעפע, וואָס קוקען זי זיך עפּעס כסדר אַרום?

זי: כ׳האָב מורא די מאַמע קאָן מיך דאָ פּאַקען מיט איהן, וועט זי מיך שעלטען.

ער: און איך האָב מורא, זי זאָל אונז ביידע נישט בענשען...

קאַפּריזנער.

---

# פּייטעל און טרייטעל



פּייטעל: זאָג מיר טרייטעל, וואָס איז דער אונטערשיד פון א יוד אַ סוחר ביז זיין ווייב די לעטניטשקע?

טרייטעל: דער חילוק איז דער, וואָס זי זיצט און נעמט צי, און ער „נעמט צו“ און דער־נאָך געהט ער „זיצען“.

[illegible]נער.

---

# שוין איינמאָל אַ באַנע

מוסאָליני האָט אַרויסגעשיקט צום הויך קאָמי־סאַר פון די איטאַליענישע קאָלאָניעס אין אַפריקע גענעראל דע־באָנא אַ דאַנק־דעפּעשע פאַר זיין צוגרייטונגס־אַרבייט פאַר דער איטאַליענישער אר־מעע.

— יאָ, אַזאַ באַנע קומט אַמאָל שטאַרק צונוץ! בעניעלע זאַלץ.

# דאָס עסען איז שולדיג

מאַדאַם (צו דער קעכין) וואָס איז מיט דיר רוזשע יעדע וואָך האָסטו אַנ׳אַנדערען חתן?

— וואָס זאָל איך טון, אַז די עסענס, וואָס מ[illegible] קאָכ[illegible] אונז שמעקען זיי נישט.

קאַפּריזנער.

---


# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

בײלאַגע צום „נייעם פאָלקס־בלאַט“ נומער 173 פרייטאַג, דעם 26 יולי 1935





אונטערהאַנדלונגען וועגען א פעראייניגטען יוד. וואהל־בלאָק...

